# תזריע ב

א. אין אָנהויב פון פרשת נגעי אדם שטייט[1]: „אדם כי יהי' בעור בשרו גו'". דער פסוק נוצט דאָ דעם תואר „אדם", וואָס איז דער שם המעלה פון אידן (און דער העכסטער תואר פון די פיר תוארים אדם איש גבר אנוש)[2].

איז ידוע די שאלה[3]: ווי קומט עס, אַז בשעת מ'האַלט ביי דער דרגא פון „אדם" זאָל ביי אים זיין „בעור בשרו שאת גו'", נגעים — וואָס טומאת צרעת איז פון די טומאות הכי חמורות[4], און חז"ל[5] זאָגן אַז „מצורע חשוב כמת"?

איז מבאר דער אַלטער רבי[6], אַז היא הנותנת: דוקא דערפאַר וואָס עס רעדט זיך וועגן איינעם וואָס איז אין דער דרגא פון „אדם" — וואָס איז אַ „מדריגה גדולה . . שלימו דכולא" — איז ער לוקה בצרעת:

דער ענין הנגעים „בעור בשרו" ווייזט, אַז דער רע וואָס איז גורם דעם נגע (ובמילא — דאַרף ער זיין בדוגמתו) איז ניט אין (דער פנימיות פון) דעם מענטשן

[דער אלשיך[7] איז מבאר, אַז ביי רשעים, וואָס „עיקרן טומאה", מאַכט ניט אַן עוון אַ רושם ביז עס זאָל זיין ניכר „בעור בשרו", ווייל „מין במינו אינו חוצץ"],

נאָר עס איז בלויז וואָס ס'איז פאַר־בליבן „פסולת" ורע אין זיין חיצוניות — „בסוף לבושיו", און דערפאַר ווערט דערפון אַ נגע „בעור בשרו" (דוקא).

דערמיט איז דער אַלטער רבי אויך מבאר[8] פאַרוואָס „מצות נגעים אינו נהוג בזמננו זה אחר החורבן מפני שאינן מצויין כלל כו' אך מעשה נסים הם" (ווי ער ברענגט פון רמב"ם[9]) — ווייל ס'איז „אינו בנמצא אצלינו" אַזעלכע וואָס זאָלן ניט האָבן קיין רע בפנימיות, „שאף הצדיק והטוב עדיין הרע קצת בפנימיות", ובמילא איז דער רע ניט גורם קיין נגעים.

ב. דאַרף מען פאַרשטיין:

חז"ל זאָגן[10] אַז דער ענין הנגעים קומט אַלס עונש אויף חטא לשון הרע, וואָס איז אַ חטא חמור ביותר, ביז ער איז שקול כנגד די ג' עבירות וואָס „יהרג

1) פרשתנו יג, ב.

2) זהר פרשתנו (מח, רע"א. ובכ"מ). וראה ספר הערכים חב"ד כרך א ערך אדם סעיף ט. וש"נ.

3) ראה זהר שם. אלשיך ריש פרשתנו. וראה לקו"ת פרשתנו כב, ב (ובהגהות לשם באוה"ת ויקרא ע' רנב).

4) דמחוץ למחנה מושבו, מחוץ לג' מחנות, ולא יהו (אפילו) טמאין אחרין יושבין עמו (פרשתנו יג, מו. תו"כ ורש"י עה"פ. פסחים סז, א).

5) נדרים סד, ב.

6) לקו"ת פרשתנו שם. סד"ה אדם כי יהי' תרס"ו, תרע"ה. וראה בכ"ז גם אלשיך שם.

7) שם.

8) ראה גם אלשיך שם (אבל לא הביא דברי הרמב"ם).

9) סוף הלכות טומאת צרעת (ראה סד"ה אדם כי יהי' הנ"ל (הערה 6), שהכוונה בלקו"ת היא למ"ש הרמב"ם בהלכה זו „אינו ממנהגו של עולם אלא אות ופלא הי' בישראל". ומש"כ בלקו"ת „כמ"ש הרמב"ם" קאי אלפניו „שאינם מליחות המצוים", ולאח"ז מבאר „שמצות נגעים כו' אינם מצויים כלל כו'" — אבל מפורש ברמב"ם (הל' טומ"צ פי"א ה"ו) דנוהגת בפני הבית ושלא בפני הבית. — וראה תו"ש שמות מילואים סח"י הדעות בזה. — וראה פיה"מ נגעים פי"ב מ"ה. מורה נבוכים ח"ג ספמ"ז. לקו"ש חי"ח ע' 136 הערות 35־36). וראה לקמן ע' 72 הערה 36. ע' 75 הערה 53.

10) ערכין טו, ב. — בערכין שם (טז, א) „על שבעה דברים כו'", אבל ברמב"ם שם הובא להלכה רק „להזהירן מלשון הרע".

ואל יעבור", און „כאילו כופר בעיקר" (ווי דער רמב"ם איז מאריך אין הלכות דעות[11]) — איז ווי קען מען זאגן, אז ער איז אַן אדם השלם, זיין תואר איז אדם, וואס עס פעלט אים נאָר דער בירור פון חיצוניות הרע?

די תמיהה אין דעם איז נאָך גרעסער: דער חומר פון „המספר בלשון הרע" ווערט געבראַכט אין רמב"ם (אויך) אין דער זעלבער הלכה[12] וועלכע דער אַלטער רבי ברענגט אַלס ראַי' אַז נגעים זיינען מעשה נסים וואס זיינען ניט מצוי בזמן הזה, און ער איז דאָרט מאריך ווי פון דיבור לשון הרע קען מען קומען (ר"ל) ביז צו כפירה בעיקר — און דאָ זאָגט דער אַלטער רבי אַז מ'רעדט וועגן אַן אדם השלם?

ג. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם הביאור אין המשך דברי הרמב"ם בהלכה הנ"ל:

נאָכדעם ווי דער רמב"ם איז מבאר אַז נגעים קומען על חטא לשון הרע (און ברענגט דעם לימוד פון מרים) — איז ער ממשיך מיט אַן ענין וואס האָט לכאורה ניט קיין שייכות צו לשון הרע (ועאכו"כ ניט צו הל' טומאת צרעת), וזה לשונו:

„קל וחומר (פון מרים'ן) לבני אדם הרשעים הטפשים שמרבים לדבר גדולות ונפלאות . . וזה דרך ישיבת הלצים הרשעים בתחילה מרבין בדברי הבאי . . ומתוך כך באין לספר בגנות הצדיקים . . ומתוך כך יהי' להן הרגל לדבר בנביאים ולתת דופי בדבריהם . . ומתוך כך באין לדבר באלקים וכופרין בעיקר . . זו היא שיחת הרשעים שגורמת להן ישיבת קרנות וישיבת כנסיות של עמי הארץ וישיבת בתי משתאות עם שותי שכר, אבל שיחת כשרי ישראל אינה אלא בדברי תורה וחכמה, לפיכך הקב"ה עוזר על ידן ומזכה אותן בה כו'".

דאַרף מען פאַרשטיין:

א) דאָ רעדט מען דאָך וועגן דעם איסור פון דיבור לשון הרע, וועלכער איז גורם צו טומאת צרעת — איז ווי פּאַסט דאָ אַריין (— ובאריכות) וועגן שיחת הרשעים בכלל, און וועלכע הויבט זיך אָן פון „דברי הבאי" (ניט — לשון הרע), און ענדיקט זיך מיט כפירה באלקים ר"ל?

[אפילו מ'זאָל זאָגן, אַז וויבאַלד לשון הרע איז אַ פּרט אין „שיחת הרשעים", איז דעריבער, רעדנדיק וועגן לשון הרע און דעם חומר דערפון, דאַרף דער רמב"ם (לחומר הדבר) מבאר זיין בזה, אין דער גנות פון שיחת הרשעים בכלל וכו' — האָט עס ניט קיין אָרט אין הלכות טומאת צרעת (וואס איז דער עונש בלויז אויף לשון הרע);

די אריכות באַלאַנגט לכאורה נאָר אין הלכות דעות, וואו ער רעדט פרטי הדינים ווי מען דאַרף זיין אָפּגעהיט פון דיבורים אסורים].

ב) אויב דער רמב"ם וויל דאָ אַרויסברענגען דעם חומר האיסור פון לשון הרע, האָט ער געדאַרפט ברענגען די לשונות חמורים וועלכע ער שרייבט אויף אַ מספר בלשון הרע אין הלכות דעות[11]?

נאָך מער: אין הל' דעות[11] ברענגט דער רמב"ם דעם מאמר חז"ל[13] „כל המספר בלשון הרע כאילו כופר בעיקר", אַז דער חטא פון לשון הרע

11) פ"ז ה"ג.

12) הל' טומאת צרעת שם.

13) ערכין טו, ב.

מצד עצמו איז חמור „כאילו כופר בעיקר":

משא"כ דאָ זאָגט ער, אַז פון לשון הרע קומט שפּעטער אַרויס כפירה בעיקר — „ומתוך כך כו' ומתוך כך באין לדבר באלקים וכופרין בעיקר" (אָבער ניט אַז לשון הרע אַליין איז „כאילו כופר בעיקר").

ד. ויש לומר דעם ביאור בזה:

מיט דער אריכות וועגן דעם אופן פון שיחת הרשעים, קומט דער רמב"ם מסביר זיין דעם גדר פון „לשון הרע", וועלכער גיט צו פאַרשטיין פאַרוואָס די תוצאה פון לשון הרע איז „צרעת":

אין לשון הרע זיינען פאַראַן צוויי ענינים:

א) דאָס רעדן לשון הרע (וועלכער קומט פון די מדות רעות פונעם מדבר — ער האָט קנאה ושנאה, א. ז. וו) איז גורם היזק וכו' צו דעם וועמען ער באַ־רעדט. ד. ה. דער עיקר חסרון דערביי איז וואָס זיין לשון הרע ברענגט (אַרויס זיינע מדות רעות) ומזיק דעם צווייטן.

— און וועגן דעם ענין אין לשון הרע רעדט דער רמב"ם אין הל' דעות, ווי מען זעט דאָרט דעם תוכן פון דעם גאַנצן פרק, אַז ער רעדט אַלץ וועגן דיבורים והנהגות בלתי רצויים שמאדם לחבירו.

ב) לשון הרע — מצד דעם דיבור עצמו[14]: איינער וואָס רעדט לשון הרע, ואפילו ניט בכוונה וכו' — איז דער דיבור גופא שלעפּט אים אַריין אין רע.

ווייל אע"פ אַז דער כח הדבור איז לכאורה בלויז אַ כח חיצוני (אַ לבוש, און אַ לבוש חיצוני פון דעם נפש), איז ער אָבער פאַרבונדן מיטן עצם פון מענטשן[15] [ביז אַז דער תואר פון אַ מענטשן איז „מדבר"[16]]; ומהאי טעמא, ווען איינער רעדט לשון הרע, איז דער דיבור בלתי רצוי שלעפּט (מצד עצמו) אים אַריין נאָך מערער אין רע[17].

ה. און דאָס איז אויך וואָס דער רמב"ם ברענגט אַרויס דורך זיין אריכות, אין סוף הלכות טומאת צרעת, וועגן „שיחת הרשעים":

ער הויבט אָן ווי מ'דאַרף זיך אויס־היטן פון הנהגת „הרשעים הטפשים שמרבים לדבר גדולות ונפלאות" (וואָס דערין איז נאָך ניטאָ קיין תוכן היפך הרצוי), און איז דערנאָך מסביר „דרך ישיבת הלצים הרשעים", אַז „בתחילה מרבין בדברי הבאי" (וואָס אין דעם דיבור איז ניטאָ קיין מדה רעה וכיו"ב), אָבער אָט־די דיבורים שלעפּן דעם מדבר ביז צו תכלית הרע (כהמשך דברי הרמב"ם);

און דאָס איז אויך דער גדר פון לשון הרע — „שיחת הרשעים", דאָס רעדן אין אַן אופן ווי רשעים רעדן. די הדגשה איז אויף דעם וואָס ער איז ניט נזהר, פוגם וכו' בדיבורו.

און ווי דער רמב"ם איז מדגיש גלייך בתחלת הענין — ווען ער רעדט ווי נגעים קומען מזהיר זיין פון לשון הרע — אַז בשעת „משתנה עורו ויצטרע" בלייבט דער מענטש „מובדל ומפורסם לבדו עד שלא יתעסק בשיחת הרשעים שהוא הליצנות ולשון הרע"

---

14) להעיר גם מעקידה ר"פ מצורע בארוכה.

15) ראה ד"ה לולב וערבה תרנ"ט ובכ"מ. וראה הנסמן בהערה הבאה.

16) ראה לקו"ש ח"ו ס"ע 115 ואילך ובהנסמן שם. לקו"ש חכ"ז ע' 212.

17) להעיר גם מסה"מ תרנ"ט ע' ה (בשם הר"ח) סגולה למדת הכעס שלא ידבר בעת ההיא, ע"ש באורך.

— דלכאורה: „שיחת הרשעים״ און „ליצנות״ מאן דבר שמייהו?

נאָר דערמיט איז דער רמב״ם אויסן צו מבאר זיין, אַז לשון הרע (וועלכער ברענגט צו נגעים) איז אַ פרט און קומט מצד „שיחת הרשעים״ בכלל (אַ חסרון אין דעם דיבור (חיצוניות) האדם), ווייל דער ענין פון נגעים איז (כנ״ל), אַז „עור בשרו״ — די חיצוניות האדם — איז ניט כדבעי.

ו. עפ״ז יומתק וואָס דער רמב״ם איז מאריך ווי דער ענין (אַז נגעים קומען צוליב לשון הרע) ווערט אָפּגעלערנט פון מעשה מרים — „ועל ענין זה מזהיר בתורה . . התבוננו מה אירע למרים כו׳״:

דער עונש פון נגעים אויף לשון הרע איז (ניט מצד דעם (ערשטן) ענין הנ״ל אין לשון הרע, וואָס זיינע מדות רעות זיינען מזיק דעם זולת, נאָר בלויז) מצד דעם דיבור עצמו:

וואָרום ביי מרים׳ן איז דאָך אדרבה: „גידלתו על ברכי׳ וסכנה בעצמה להצילו מן הים״; איר דיבור איז בכלל ניט געווען מיט דער כוונה לגנותו[18], און נאָך מער (זאָגט דער רמב״ם): „לא דברה בגנותו אלא טעתה כו׳״; און אויך מצד משה׳ן איז „לא הקפיד על כל הדברים האלו כו׳״ —

אין איר דיבור איז ניט געווען קיין שום רע והיזק כו׳ (ניט מצד מרים׳ן און ניט מצד משה׳ן), ס׳איז אַן ענין חיצוני לגמרי[19], און אעפ״כ „מיד נענשה בצרעת״.

ז. על פי האמור לעיל וועט מען אויך פאַרשטיין פאַרוואָס דער רמב״ם ברענגט (בתחלת ההלכה הנ״ל) דעם סדר ווי עס קומען נגעים „להזהירן מלשון הרע״:

„משתנות קירות ביתו״ (נגעי בתים), דערנאָך אויב „עמד ברשעו . . משתנין כלי העור שבביתו . . ואם עמד ברשעו . . משתנין הבגדים שעליו״, און ערשט דערנאָך — „אם עמד ברשעו . . משתנה עורו ויצטרע״ —

ווייל דאָס איז מתאים צו דעם תוכן הנ״ל פון לשון הרע און זיין סדר:

בשעת מען הויבט אָן רעדן לשון הרע, איז דער דיבור אַן ענין חיצוני לגמרי וועלכער „רירט אים ניט אָן״, און דער־פאַר איז לוקה (נאָר) דער בית וואָס איז אינגאַנצן אָפּגעטיילט פון אים[20]; אָבער וואָס מער ער רעדט, אַלץ מער שלעפּט עם אַריין דער דיבור גופא, דער רע ווערט מער בפנימיותו, און דערפאַר קומען די נגעים אין זאַכן וועלכע זיינען נעענטער צו אים — כלי תשמישו, בגדיו, ביז — עור בשרו.

(בשעת אָבער דער רע גייט אַריין בפנימיות ממש — דעמולט איז ניטאָ דער גאַנצער ענין הנגעים, כנ״ל סעיף א).

18) רש״י בהעלותך יב, א. וראה שו״ע אדה״ז או״ח סקנ״ו ס״י. שם חו״מ הל׳ אונאה כו׳ סכ״ט.

19) ראה בארוכה לקו״ש חי״ח (ע׳ 145 ואילך). ועיי״ש שזהו דיוקו של רש״י (ר״פ שלח) „עסקי דיבה״, ולא — לשון הרע.

20) ויש לומר, שזהו הטעם (הפנימי) למ״ש הספורנו (ס״פ תזריע) בנוגע לנגעי בתים „וכאשר לא עלו הדורות למדריגה ראוי׳ למעלה (לחמלה) זו אין זכרון לראשונים שנמצאו לעולם נגעי בתים עד שאמרו קצתם ז״ל (סנהדרין עא, א) שלא היו לעולם״ — כי הרע המתברר בנגעי בתים הוא חיצוני כ״כ (כמו בית שהוא מקיף הכי רחוק), שצריך להיות ב„מדריגה ראוי׳ למעלה זו״ כדי לברר גם רע זה.

ואולי יש לומר, שזהו גם הטעם (הפנימי) לזה שדוקא גבי נגעי בתים ובגדים מפורש ברמב״ם שהם „אות ופלא״ (ראה לקמן ע׳ 72 הערה 36).

וע״פ הנ״ל איז מובן ווי דער ביאור פון אַלטן רבי׳ן הנ״ל — אַז נגעים קומען דוקא באַ אַן אדם השלם וואָס האָט מתקן געווען כל הדברים חוץ פון „סוף לבושיו" — איז ניט נאָר ניט קיין סתירה צו דברי הרמב״ם, נאָר אדרבה, ביידע ביאורים זיינען עולה בקנה אחד —

ווייל די זהירות פון לשון הרע וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין רמב״ם, איז די זהירות אין דיבור מצד עצמו, וואָס איז אַ דבר חיצוני.

ח. ע״פ כל הנ״ל וועט מען אויך פאַרשטיין פאַרוואָס די תקנה (טהרה) פון נגעים איז דוקא דורך אַ כהן.

דלכאורה איז ניט מובן: וויבאַלד עס רעדט זיך וועגן אַן אדם השלם, כנ״ל, וועלכער איז בכח צו מברר זיין אַלע זיינע ענינים פנימיים און האָט עס גע־טאָן בפועל — איז ווי קומט עס אַז ער אַליין קען ניט מברר זיין די חיצוניות הרע שבו?

איז דער ביאור בזה: דאָס וואָס אַן אדם השלם קען נכשל ווערן אין לשון הרע, אע״פ וואָס ער האָט שוין מברר געווען כל ענינים פנימיים שבו — איז ווייל עס קען זיין אַ רע הנעלם (עומק הרע) וואָס איז טיף מושרש אין דעם אדם, און עס קומט ביי אים ניט אַרויס בגלוי;

און דער רע הנעלם דריקט זיך אויס אין דעם דיבור האדם[21] [וכנ״ל, אַז דיבור איז פאַרבונדן מיטן עצם פון מענטשן], און אין אַזאַ דיבור וואָס איז לכאורה אַן ענין חיצוני בעלמא, אַן קיין תוכן רע ממש[22]

[וואָרום אַ דיבור בתוכן רע, איז אַן אדם השלם וואָס האָט שוין מברר גע־ווען זיין רע שבפנימיות, ניט שייך צו רעדן אַזעלכע דיבורים],

ולכן איז דער תיקון אויף לשון הרע דורך מתקן זיין דעם רע הנעלם שב־נפשו.

און דעריבער איז עס דורך אַ כהן דוקא, וואָס איז „חסד עילאה"[23], ולכן איז ער בכחו צו מטהר זיין דעם רע הנעלם;

און דערפאַר דאַרף מען האָבן דיבור הכהן „טהור אתה"[24] — ווייל דורך זיין דיבור איז ער ממשיך אַן אור עליון ביותר וואָס איז מתקן דעם רע הנעלם, ביז דער מצורע ווערט טהור בתכלית.

(משיחת ש״פ תזריע תשמ״א)

---

21) ראה דרך חיים בהקדמה. ועוד.

22) כביאור הרמב״ם (כנ״ל בפנים) בנוגע למרים.

23) לקו״ת שם. וראה עקידה שם.

24) רמב״ם שם פ״ט ה״ב־ג. וראה לקו״ת שם.

# תזריע־מצורע

א. די פרשיות תזריע מצורע זיינען לויט דער קביעות פון רוב השנים (אַלע שנים פשוטות) — מחוברות[1]. דער קישור ושייכות צווישן די צוויי סדרות איז פאַרשטאַנדיק בפשטות — נוסף אויף דעם וואָס אין ביידע סדרות רעדט זיך וועגן נגעים (אין פ׳ תזריע — נגעי אדם[2] ונגעי בגדים[3] און אין פ׳ מצורע — נגעי בתים[4]), נאָר נאָך מער: פ׳ מצורע איז דער סיום וחותם פון פ׳ תזריע; די דיני המצורע וועגן וועלכע עס רעדט זיך בפ׳ תזריע, איז סיומם — „תורת המצורע ביום טהרתו״ — אין פ׳ מצורע[5].

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין בנוגע די שמות הסדרות: ווי געדעדט שוין פיל מאָל[6], זיינען די נעמען פון די סדרות ניט אַ סימן בעלמא, אַ וואָרט פון התחלת הסדרה ווערט גענוצט בלויז בכדי אויסצוטיילן איין סדרה פון דער אַנדערער, נאָר יעדער נאָמען אַנט־האַלט און דריקט אויס (ווי אַלע „שמות שנקראים בהם בלשון הקודש״[7]) די נקודת התוכן פון דער סדרה.

[און ווי דאָס איז אויך מודגש בפרשת תזריע, אַז לויט מנהג ישראל הייסט זי ניט „אשה״[8] (כאָטש דאָס איז דער ערשטער וואָרט נאָך דער פתיחה כללית „וידבר ה׳ גו׳ לאמר״, אָבער מיט וועלכן עס הויבן זיך אָן כמה פרשיות אין תורה, איז דאָס ניט אַ נאָמען ספּעציעל פון דער פרשה), נאָר איר נאָמען איז „תזריע״[9]].

פאַדערט זיך אַ ביאור בנדו״ד — וואָס איז די שייכות פון דעם וואָרט (נאָמען) „תזריע״ צו דער פרשה בכללותה[10], וואָס איר תוכן איז, רובה ככולה, דער ענין פון נגעים?

נאָך מער: ניט בלויז האָט דער וואָרט „תזריע״ קיין שייכות ניט צום ענין הנגעים, נאָר, לכאורה, זיינען זיי הפכיים: „תזריע״ ווייזט — ווי דאָס איז מפורש בפרשתנו: „אשה כי תזריע וילדה גו׳״ — אויף אַן ענין וואָס ברענגט אַ הולדה חדשה און חיים חדשים; משא״כ נגעים, איז דאָך „מצורע חשוב כמת״[11], און דער פשט דערפון איז[12], אַז דאָס איז ניט (נאָר) מצד טומאת המצורע[13], נאָר דער מצורע עצמו איז חשוב כמת[14].

1) ראה לוחות העיבור שבטור או״ח אחרי הל׳ ר״ח ובעתים לבינה מאמר טו.

2) יג, ב ואילך.

3) שם, מז ואילך.

4) יד, לד ואילך.

5) יד, ב — עד שם, לב.

6) ראה בהנסמן בלקו״ש חכ״א ע׳ 250 הערה 2־1.

7) ראה שער היחוד והאמונה פ״א.

8) כפי שנק׳ בסידור הרס״ג — קריאת התורה.

9) כבמג״א או״ח סתכ״ח. וברמב״ם (סו״ס אהבה בסדר תפילות שלו בסופו (ועוד) „אשה כי תזריע״. וראה לקו״ש שם ע׳ 146 הערה 6 עד״ז בכמה סדרות.

10) ראה לקו״ש ח״ז ע׳ 74 ואילך הענין המיוחד שבשם „תזריע״ (וראה לקו״ש חי״ז ע׳ 9־148 וע׳ 155). אבל לא נתבארה שם השייכות לתוכן ענין הנגעים כי אם ל„תורת האדם״ בכלל.

11) נדרים סד, ב.

12) ראה חדא״ג מהרש״א נדרים שם.

13) ראה ספרי ורש״י בהעלותך יב, יב.

14) ועד״ז י״ל גם בהא דאמרינן מצורע איתקש למת — ראה יבמות קג, ב. רמב״ם הל׳ טומאת צרעת פי״ג הי״ד. ואכ״מ.